בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת יתרו תשע"ח** שבת קבלת התורה **גליון 443 [שנה י']**

**שיינע דרוש פארוואס איז יתרו יעצט געקומען?**

וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ: (יח א) זאגט רש"י מַה שְּׁמוּעָה שָׁמַע וּבָא? ענטפערט רש"י ער האט געהערט מלחמת עמלק דעריבער איז ער געקומען, דארף מען פארשטיין פארוואס האט מלחמת עמלק געבערענגט יתרו צו קומען? אויך וואס איז די לשון וּבָא, ווען דער עיקר פסוק גייט אויף וַיִּשְׁמַע, וואס ער האט געהערט? און פארוואס איז ער פונקט יעצט געקומען? נאר מען קען דאס מסביר זיין לויט וואס דער אלשיך הק' ברענגט אין זיין ספר מראות הצובאות אויפן פסוק (יהושע ט ד) וַיַּעֲשׂוּ גַם־הֵמָּה בְעָרְמָה וַיֵּלְכוּ וַיִּצְטַיָּרוּ וַיִּקְחוּ שַׂקִּים בָּלִים לַחֲמוֹרֵיהֶם וְנֹאדוֹת יַיִן בָּלִים וּמְבֻקָּעִים וּמְצֹרָרִים: דארט שטייט אז די גבעונים האבן זיך געוואלט מגייר זיין אבער מען וואלט זיי נישט אנגענומען נאר דורך זייער אפנארן יהושע מיטן אנטאן אלטע זעק און ברענגען אלטע קריגעלן, פרעגט דער אלשיך הק' אז עס שטייט אז יהושע האט געשיקט צו אלע פעלקער דריי בריוון אז ווער עס וויל מאכן שלום זאל קומען און מען וועט זיי אנעמען, אויב אזוי פארוואס האבן די אנשי גבעון געמוזט מאכן א הערמה און נישט סתם קומען מאכן שלום? נאר חז"ל זאגן (ע"ז ג:) מען איז נישט מקבל גֵרים ביי ימות המשיח און נישט גֵרים סיי בימי דוד ובימי שלמה, ווייל דעמאלטס איז די גֵירוּת נאר וועגן מורא און נישט א אמת'ע גירות, ממילא יהושע האט דאך געשיקט זיינע בריוון איידער די אידן האבן מנצח געווען די מלחמה, אבער נאכדעם וואס די אידן האבן מנצח געווען צוויי מלחמות, נעמט מען שוין נישט אן גֵרים, דעריבער זאגט דער אלשיך הק', די אנשי גִבְעוֹן האבן זיך דערמאנט צו קומען נאך צוויי מאל נצחוֹן און דעמאלטס נעמט מען שוין נישט אן גֵרים, דעריבער האבן זיי געמאכט די הערמה אז זיי האבן נישט געקענט קומען פריערט ע"כ. דאס זעלבע קען מען דא זאגן, אז יתרו האט געהערט גרויסע זאכן ביי כלל ישראל און ער האט זיך געוואלט מגייר זיין, און בפרט ווען האט ער געהערט דעם נצחוֹן פון די אידן ביי מלחמת עמלק, אבער אויב ער וועט ווארטן ביז נאך א נצחון וועט שוין זיין צוויי מאל נצחון, און מען וועט אים נישט אנעמען, דעריבער "וּבָא" ער איז גאר שנעל געקומען, דעריבער איז פארענטפערט פארוואס דוקא צוליב מלחמת עמלק איז ער יעצט געקומען, ווייל שפעטער וואלט געווען צו שפעט זיך צו מגייר זיין.
(יד אבי שלום, הגאון ר' יוסף שלום אב"ד פיזענץ מעהרינג אופיבאך ת"פ)

**פארוואס ביי אליעזר שטייט נישט כִּי אָמַר?**

וְאֵת שְׁנֵי בָנֶיהָ אֲשֶׁר שֵׁם הָאֶחָד גֵּרְשֹׁם כִּי אָמַר גֵּר הָיִיתִי בְּאֶרֶץ נָכְרִיָּה: וְשֵׁם הָאֶחָד אֱלִיעֶזֶר כִּי־אֱלֹקֵי אָבִי בְּעֶזְרִי וַיַּצִּלֵנִי מֵחֶרֶב פַּרְעֹה: (יח ג-ד) דארף מען פארשטיין פארוואס איז דא א שינוי הלשון: ביי גרשום שטייט דער טעם פון זיין נאמען כִּי אָמַר גֵּר הָיִיתִי, ער האט געזאגט, און ביי אליעזר שטייט א שינוי כִּי־אֱלֹקֵי אָבִי בְּעֶזְרִי פארוואס ער הייסט אליעזר, אבער עס שטייט נישט כִּי אָמַר כִּי־אֱלֹקֵי אָבִי בְּעֶזְרִי? נאר מען קען ענטפערן ווען ער וואלט געזאגט כִּי אָמַר, וואלט ער געדארפט זאגן כִּי "הָיָה" אֱלֹקֵי אָבִי בְּעֶזְרִי, ווייל כִּי אָמַר מיינט, א לשון עבר פון פארגאנגענהייט, דעריבער ביי גרשום כִּי אָמַר גֵּר הָיִיתִי בְּאֶרֶץ נָכְרִיָּה דארט מיינט א עבר, ער איז אמאל געווען א גר, אבער ביי אליעזר וואס דער טעם פון זיין נאמען איז ווייל אֱלֹקֵי אָבִי בְּעֶזְרִי, פאסט נישט די ווערטער כִּי אָמַר, וואס דאס וועט מיינען אז דער אויבערשטער איז נאר אין די פארגאנגענהייט געווען זיין הילף, חלילה! דער אויבערשטער איז כסדר זיין הילף, דעריבער שטייט נישט כִּי אָמַר כִּי־אֱלֹקֵי אָבִי בְּעֶזְרִי, דער אויבערשטער האט געהאלפן און העלפט ווייטער, פון די שווערד פון פרעה. (דגל מחנה אפרים נכד הבעש"ט)

**פארוואס שטייט לָהֶם א לשון רבים און בָּא א לשון יחיד?**

כִּי־יִהְיֶה לָהֶם דָּבָר בָּא אֵלַי: (יח טז) פרעגט דער זוה"ק (שמות דף עח:) עס וואלט געדארפט שטיין "בָּאִים אֵלַי" ווייל מען רעדט אויף די וואס זענען געקומען און עס שטייט דאך לָהֶם א לשון רבים, אויב אזוי פארוואס שטייט "בָּא אֵלַי", א לשון יחיד? ענטפערט דער זוה"ק בָּא מיינט רוח הקודש ע"כ. דאס צו מסביר זיין קען מען זאגן אז א מנהיג נאמן בפרט ווי משה רבינו האט דאך שטענדיג מתפלל געווען פאר כלל ישראל, און דאס זעלבע אין אלע דורות, און נאר מיט רוח הקודש ווייסט דער מנהיג וואס עס פעלט פארן דור כדי מתפלל צו זיין, דאס איז פשט כִּי־יִהְיֶה לָהֶם, וואס עס וועט זיי פעלן, דָּבָר, יענע זאך וואס עס פעלט זיי, בָּא אֵלַי, קומט אריין צום מנהיג ברוח הקודש און ער ווייסט וואס צו מתפלל זיין. (כוונת הלב קראסנא)

**פארוואס האט משה נישט געוואוסט פון ואתה תחזה?**

וְאַתָּה תֶחֱזֶה: (יח כא) שטייט וְאַתָּה תֶחֱזֶה איז גימטריה "בית ת"כ" רומז לבית שני שעמד ת"כ שנה, דאס צו פארשטיין: לכאורה איז שווער אז חז"ל זאגן (במדבר רבה פי"ט ג – ו) משה רבינו איז געווען א גרעסערער חכם פון שלמה המלך, אויב אזוי ווי קומט דאס אז די פרשה פון וְאַתָּה תֶחֱזֶה דארף דאס יתרו אים ערקלערן און דער אויבערשטער איז מסכים צו דעם – עיין רש"י וְצִוְּךָ אֱלֹקִים –, און ער משה, דער גרעסטער חכם איז דאס נישט משיג? נאר עס איז ידוע די ווערטער פון אור החיים הק' (דברים א לז) אויב משה רבינו וואלט אריין אין א"י און געבויט דעם בית המקדש וואלט עס נישט געקענט חרוב ווערן (סוטה דף ט ע"א) און יעצט וועט מען קענען אויסגיסן דעם כעס אויפן ביהמ"ק. דעריבער האט דער אויבערשטער אלעס געטאן אז משה זאל נישט אריינגיין קיין א"י. דאס זעלבע איז דא ביי אונז, חז"ל זאגן (שבת דף י ע"א) כָּל הַדָּן דִּין אֱמֶת לַאֲמִיתּוֹ נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית, יעצט אויב משה וועט אליין מאכן משפט וואלט עס געווען א דִין אֱמֶת, לפי זיין חכמה, און ער וואלט מיט דעם געווארן א שותף אין מעשה בראשית, ממילא ווען ער וויל אריינגיין קיין א"י און ער איז א שותף מיטן אויבערשטן וואלט ער אים געמוזט אריינלאזן ווייל א שותף קען נישט אפהאלטן א אנדער שותף, ממילא וואלט נישט חרוב געווארן די ערשטע ביהמ"ק און עס וואלט נישט געווען א צווייטן, אבער יעצט אז ער האט געטאן די עצה פון יתרו ממילא וועט ער נישט דָן זיין, וועט דער אויבערשטער אים קענען אפהאלטן פון אריינגיין קיין א"י. דאס איז די כוונה פון ואתה תחזה איז גימט' בית ת"כ, וואס דאס איז דער בית שני וואס איז געשטאנען ת"כ שנה, און דורך ואתה תחזה, וועט זיין א צווייטער ביהמ"ק. קומט אויס אז דאס איז נישט געווען א חסרון אין משה'ס חכמה, נאר דער אויבערשטער האט אזוי געוואלט.
(בן לאשרי- המקובל מרעננה ר' יצחק הוברמן- תלמיד שם משמואל סאכאטשוב והנני מוסר עוד מודעה שהחלטתי להתפלל בלי נדר בכל יום על כל אלה שיעיינו בספר ויגידו בשמי דברי תורה לאחרים שיוושעו מכל צרה שצריכים ישועה בעוה"ז ובעולם הבא.

## מדור העובדות

## דער הייליגער זידיטשובער רבי שיקט אליהו הנביא צו א חסיד וואס האט אים געהאלפן

הרה"צ רבי יצחק אייזיק אייכנשטיין מזידיטשוב זצוק"ל (תקס"ה - ט' סיון תרל"ג) איז געווען דער צווייטער רבי פון זידיטשוב נאך זיין פעטער הרה"צ ר' צבי הירש מזידיטשוב. אין אנפאנג איז ער געווען זייער באהאלטן מען זאל נישט וויסן זיין גרויסקייט אין תורת הנסתר, ער איז ארום געפארן אין די שטעטלאך און מענטשן האבן געזען אין אים א הייליגן איד און מען האט אים מהנה געווען מיט געלט און הכנסת אורחים אבער קיינמאל האט ער נישט געזאגט ווער ער איז. אבער איין זאך האט מען געוואוסט ווער עס גיט דעם הייליגן איד און בעט פון אים א ברכה און ער ענטפערט, איז מען א געהאלפענער.

ר אייזיק'ל ווי מען האט אים גערופן, האט נישט גענומען די געלט פאר זיך, נאר דאס אלעם פארטיילט, עס איז באקאנט אז ווען ער איז שוין געווארן מפורסם פלעגט ער זיין פארנומען פורים א גאנצן טאג נאר מיט אויפנעמען אידן און זיי געבן ברכות און ישועות און די קוויטלאך און פדיונות זענען געווען הויך ווי א בארג, עס איז געווען א הון רב אבער ווען דער לעצטער איד איז אוועק פון אים איז דער רבי פארשוואונדן געווארן און אויך די גאנצע געלט איז שוין געווען אין די הענט פון די נצרכים. איין פורים האט דער רבי געזאגט ער וויל האבן גן עדן און ג"ן מיינט געבן און נעמען, פון נעמען ביי אידן און געבן צו אנדערע דאס מיינט ג"ן עדן.

ר' אייזיק'ל איז אנגעקומען אין א שטעטל וואו עס האט געוואוינט דער באוואוסטער חסידישער איד ר' מענדל הויזער ז"ל וואס איז געווען א ארבעטארער אין א בראנפן ברענעריי, ר' אייזיק'ל איז געגאנגען באזוכן ר' מענדל ווייל ר' מענדל האט געהאט א שטוב אין דער ברענעריי וואס איז געווען פונקט גוט פאר ר' אייזיק'ל צו מתבודד זיין אין זיין עבודת ה'. ר' מענדל האט געפרעגט דעם רבין צו ער זאל אים געבן זיין בעט און דער רבי זאגט אז שטרוי אויף דער ערד איז אים גענוג, ר' מענדל האט געזען אז דער רבי לייגט זיך נישט שלאפן האט ער געפרעגט דעם רבין צו די שטרוי האט אים געשטערט, און ער וויל אז דער רבי זאל שלאפן אין זיין בעט! אבער דער רבי האט אים געענטפערט אז אים איז גוט אזוי און איז געבליבן באנאכט אין די ברענעריי און בייטאג איז ער געגאנגען שאפן געלט פאר נצרכים.

ווען ר' אייזיק'ל האט זיך געגרייט אהיים צופארן האט ער געדאנקט ר' מענדל פאר זיין גוטע אכסניא און אים געוואונטשן ער זאל זוכה זיין בקרוב צו עשירות, און אין א קורצע צייט האט דער בעל הברענעריי איבערגעגעבן די גאנצע געשעפט פאר ר' מענדל און פון א פשוטער ארבעטארער איז ער געווארן א רייכער בעה"ב. ווען ר' אייזיק'ל איז שוין געווארן מפורסם איז ר' מענדל געפארן קיין זידיטשוב און איז געווארן א פלאם פייער חסיד פון ר' אייזיק'ל און אים געגעבן אסאך געלט און אים מהנה געווען, און וואס מער ער האט מהנה געווען ר' אייזיק'ל איז ער געווארן מער רייך און ר' אייזיק'ל פלעגט אים אלץ אנלאדענען מיט ברכות און ער איז געווען ב"ה געזונט און געטאן גוטע שידוכים אויך.

איינמאל האט ר' מענדל מהנה געווען דעם רבין און געבעטן אז ער וויל זוכה זיין צו זען אליהו הנביא! האט ר' אייזיק'ל געענטפערט אז צו זען אליהו הנביא דארף מען זיין אין א העכערע מדריגה און ער האלט נאך נישט דארט! אבער נאך אסאך בעטן און האט געגעבן דעם רבין א גרויסע סכום געלט, האט ר' אייזיק'ל געזאגט איך וועל שיקן אליהו הנביא צו דיר אבער זאלסט זיין גרייט אים צו מקבל זיין. ר' מענדל פריידט זיך אז ענדע וועט ער האבן די זכיה זען אליהו הנביא און אים מקבל פנים זיין!

ר' מענדל'ס שטוב איז געווארן א אדרעס פון צדקה און פון הכנסת אורחים. איינמאל איז ר' מענדל געפארן אין א יריד פארקויפן זיינע בראנפן און א ארימאן וואס איז געגאנגען מיט צוריסענע קליידער איז געקומען קלאפן אין טיר פון שטוב פון ר' מענדל און קומט אריין, ר' מענדל'ס ווייב איז געווען א אשת חיל און געבעטן דעם ארימאן זיך אוועקזעצן און זיך וואשן און זי וועט אנגרייטן א סעודה פאר אים, האט ער איר געזאגט ער איז נישט געקומען צו עסן ער וויל פון איר 200 רייניש, האט די ווייב געענטפערט אז אזא סכום גיט נישט איר מאן אפילו פאר זיין רבין! אויב אזוי, זאגט דער ארימאן, וועל איך גיין ערגעץ אנדערשט.

די נאכט איז געווען גאר קאלט און די ווייב האט רחמנות געהאט אויפן ארימאן זאל ארויסגיין מיט אזעלכע צוריסענער בגדים אין די קעלט, האט זי געזאגט זי וועט פאר משכונע'ן איר צירונג און אים ברענגען די 200 רייניש נאר בתנאי אז ער בלייבט דארט איבער נעכטיגן! האט ער געזאגט ער איז מסכים בתנאי אז זי לאזט אים שלאפן אין איר מאן'ס בעט, און זי זאל גיין שלאפן אין די געסט צימער, און זי האט מסכים געווען. ווען ר' מענדל איז אנגעקומען האט זיין ווייב אים דערציילט וועגן דעם אינטרעסאנטער ארימאן וואס האט נאר געוואלט שלאפן אין דיין בעט און איך האב מסכים געווען און איך בעט דיר זאלסט נישט מאכן א רעש כדי ער זאל זיך נישט אויפוועקן!

ר' מענדל האט זיך נישט געקענט איינהאלטן און געשריגן: ער שלאפט אין מיין בעט!! און איז ארויף געלאפן ביי אים אין צימער! אבער ווען ער איז אריין אין צימער איז דאס געווען ריין אזוי ווי קיינער איז דארטן נישט געווען. ווען די ווייב איז אראפ האט זי געזען אז די 200 רייניש ליגט אויפן טיש! די ווייב האט אים דערציילט אז ער האט געוואלט דוקא די גרויסע סומא געלט און זי האט פאר משכונ'ט איר צירונג. ר' מענדל איז גלייך געפארן צו ר' אייזיק'ל פרעגענדיג וואס איז דא געווען ביי אים, ווען ער האט נאר געעפנט די טיר האט דער רבי געזאגט איך האב דיר געשיקט אליהו הנביא, און דיין ווייב איז געווען מער ראוי פאר דיר און זי האט זוכה געווען צו מקבל זיין אליהו. ר' מענדל האט פארשטאנען אז מען דארף זיין ראוי צו זען אליהו הנביא!

**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן**

מכתב קודש של הקדושת ציון מבאבוב הי"ד תרפ"ט מלא ברכות ה' $12000. חומש עם פירוש שם אפרים ותוצאות חיים טשערנאוויץ תר"א $4000, משנה למלך שהמהרי"ל דיסקין נתן במתנה $3500, מכתב קודש כולו כתב יד של הרה"ק ר' אליעזר פיש אדמו"ר מאטעסאלקע $800, ספר עבודת הגרשוני תנינא דפו"ר $1000, ספר לחם שמנה ראפשיץ דפו"ר $600, ספר כתנות האיפוד דפו"ר $1000, אור ישראל על הזוהר מגיד מקאזניץ דפו"ר $1000, ספר מטה אפרים שייך להגאון ר' אברהם פאם $180, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם חתימות ר' חיים בנימין גראס ממונקאטש, א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000, 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת"י געקויפט פון חפץ חיים אליין $3000 ספר גבורת ארי מוגה ע"י חפץ חיים $400 שו"ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר' מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000 , מעבר יבוק דפוס זיטאמיר $1000, ברית אברהם דפוס ראשון $1800 , ספר היכלות הזהר עם פירוש הגר"א דפו"ר שייך להגאון ר' שמואל העללער $2000, א אלטע זילבערנעם שטעקן פון דער טאלנא רבין פון פילאדעלפיה $2000 רי"ף מיט חתימה ר' ברוך בענדיט ליכטנשטיין אביו של הרה"ק ר' הלל מקאלאמייא $5000, חומש דברים עם אוה"ח דפוס סלאוויטא $2500,

20,000 ספרים און בריוון און דאקומענטן צום פארקויפן, בריוו פון ר' עקיבא איגר, חכם צבי, חידושים פון חב"ד

דער גליון איז לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל כ"א תמוז תשע"ז

**If you have good condition older seforim bring them in to us at no charge 4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500**

**T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***